# קרית ברסלב בלעטל

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

אחרי-קדושים, ח' אייר תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ל'


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................................7:39
מוצאי שבת ........................................9:11

## א מעשה פון תפלה

### הערשל שניטצלער

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן די לעצטע צוויי יאר אז איך זאל קענען האבן א אייגענע דירה אין דעם נייעם ברסלב'ן שטעטל, איך האב געקוקט איין הויז און נאך א הויז און נאך הויז, אבער עס האט זיך למעשה נישט אויסגעארבעט, ביז ברוך השם די אייבערשטער האט געהאלפן און איך האב געטראפן גאר א פיינע דירה צוגעפאסט פאר מיר, און אזוי אויך האט מיר די אייבערשטער געהאלפן אז איך האב געקענט אויפקומען מיט געלט צו קויפן די דירה ממש שלא כדרך הטבע. שכח אייבערשטער!

### יעקב משה אינדארסקי

די לעצטע שטיק צייט האט מיין לייט אינדרויסן פון די הויז נישט געארבעט עס איז געווארן זייער טונקל ביינאכט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל צוריק אנהייבן ארבעטן ווי פאר דעם, און שכח אייבערשטער אז מען האט געטראפן דעם פראבלעם פארוואס עס ארבעט נישט און עס האט אנגעהויבן צוריק צו ארבעטן, און עס איז צוריק געווארן לעכטיג אינדרויסן.

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוהן מיר אויפנעמן א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

**ר' יואל וועבערמאן נ"י וזוגתו תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין דעם הייליג'ן שטעטל, און זיי זאלן קענען דא אויפציען די קינדער אויף דעם רבינ'ס וועג און זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

## נייעס אין שטעטל

### שיעור פון דעם ראש ישיבה שליט"א

מיטוואך נאכט האט מען געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געקומען אויף א באשיידענע באזוך אין שטעטל, קודם האט מען פארלערענט דעם דף גמרא, דערנאך האט מען ארום גערעדט גאר שיינע התחזקות און הדרכה פאר א לענגערע צייט, בפרט האט מען ארום גערעדט פון די גרויסקייט צו געבן א גוט ווארט איינער פארן צווייטן, מען קען קיינמאל נישט וויסן וואס עס טוט זיך יעצט אפ ביי יענעם אין קאפ, וואס ער גייט יעצט דורך אין שטוב אדער אין די ארבעט, אדער ער איז יעצט אראפ געפאלן אין עבירות רחמנא לצלן, און עס קען גאר זיין אז ער פלאנט יעצט די ערגסטע רחמנא לצלן, דערפאר דארף מען אלץ זעהן צו ווייזן א שמייכל פאר יענעם און שטענדיג פרובירן צו טרעפן א גוט ווארט צו זאגן פאר א צווייטן.

### שבע ברכות פאר החתן אליעזר שמן נ"י

גאר א פרייליכע שבע ברכות איז פארגעקומען פאר החתן אליעזר שמן נ"י מיט די השתתפות פון דער ראש ישיבה שליט"א, עס איז געווארן געמאכט אויף א קליינע פארנעם און אזוי אויך מיט די פארשריפטן וויאזוי די רעגירונג הייסט, אבער פון די אנדערע זייט איז עס געווען גאר גאר א פרייליכע שבע ברכות.

מען האט געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א האט ארום גערעדט גאר גאר א שיינע שמועס פון דעם אז נאך די חתונה הייבט זיך ערשט אן די מלחמה מיטן סמ"ך מ"ם וואס וויל זעהן דעם מענטש אוועק פאלן פון דעם הייליג'ן רבי'ן.

אלץ בחור בענקט מען זייער שטארק צו זיין ערליך אבער עס גייט נישט, אבער נאך די חתונה ווען מען האט שוין די מעגליכקייט צו זיין ערליך, און פון די אנדערע זייט הייבט מען אן אריין גיין אין ביזנעס און מען ווערט פארנומען מיט ביזנעס און מיט געלט, ווערט אביסל פארגעסן די פרישקייט צו די התקרבות צום הייליג'ן רבי'ן, במילא דארף מען יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן **"הייליגע באשעפער העלף מיר איך זאל נישט אפלאזן דעם הייליג'ן רבי'ן, העלף מיר איך זאל יעדן טאג רעדן צו דיר, העלף מיר איך זאל יעדן טאג לערנען די הייליגע תורה, העלף מיר איך זאל יעדן טאג דיר דאנקן פאר די מתנה וואס דו האסט מיר געגעבן אזא טייערע ווייב.**

דערנאך איז מען ארויס אין א פרייליכן טאנץ – דער ראש ישיבה שליט"א צוזאמען מיט חשוב'ן חתן נ"י.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

**בעזרת ה׳ יתברך ערב שבת פרשת אחרי-קדושים, י״ב אייר, כ״ז לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק**

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר

נעכטן האב איך געגעבן א שיעור אין מאנסי אין בית המדרש היכל הקודש; פארן שיעור האב איך געזאגט פארן אייבערשטן: ״רבונו של עולם, איך האב נישט קיין כח צו פארן קיין מאנסי, איך פאר נאר פאר דיינעט וועגן, מחזק צו זיין אידישע קינדער, בעט איך דיר אייבערשטער אז ... און זיין ווייב זאלן לעבן בשלום; איך געב אוועק די זכות פון די שיעור פאר זיי, אז זיי זאלן שוין זוכה זיין צו זיין באליבט איינער ביים צווייטן״.

איך בעט דיר ליבער ברידער, געב שיינע ווערטער פאר דיין ווייב, נאר דו וועסט מרוויח זיין דערפון; איך ווייס אז דו ליידסט פון איר, איך ווייס אז זי דערקוטשעט דיר וכו׳. אבער גלייב מיר, איך ווייס וואס איך רעד; דו קענסט אלעס מהפך זיין לטוב, רעד שיין צו איר אפילו עס קאסט דיר דיין געזונט, ווייל אז זי וועט דיר איבערלאזן וועט דיר זיין גאר ביטער, איך זע שוין וואס דא גייט זיין השם ירחם, דערפאר בעט איך דיר, שטארק זיך אויף דיין נאטור, כאטשיג איך ווייס אז זי רעדט נישט צו דיר ווי עס דארף צו זיין, אבער אויב דו וועסט רעדן שיין צו איר וועט זיך אלעס טוישן.

**איך האב נישט קיין כח צו הערן ווי אינגעלייט קריגן זיך; עס נעמט מיר ארויס אלע מיינע כוחות.**

איך האף אז דו וועסט עס קענען באווייזן וועסטו זיין א העלד.

~~~~~~~~~~~

**בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויקרא, כ״ד אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן**

לכבוד מרת ... תחי׳

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן פון אייך אז איר האט געפאלגט וכו׳; גלייבט מיר, איך ווייס וואס איך זאג. איר האט אן ערליכער מאן, ער איז זייער וואויל און גוט; איך זאג אייך נאכאמאל - דאס וואס האט פאסירט מיט אים וכו׳ דאס איז א טריק פונעם ס״מ, ער האט עס געטון נאר אוועק צו נעמען די ליבשאפט צווישן אייך.

עס וועט אים אבער גארנישט נוצן ווייל מיר הערן דעם קול פונעם הייליגן רבי׳ן וואס האט געשריגן מיט זיין גאנצע כח (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן עח): ״אֵין שׁוּם יִאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל״, עס איז נישט דא קיין יאוש! דער רבי האט דאס געשריגן פאר איבער צוויי הונדערט יאר צוריק און מען הערט נאך דעם קול ביז היינט. נישט נאר מען הערט דער קול נאר עס ווערט גאר שטערקער און שטערקער, אזוי ווי עס שטייט ביי מתן תורה (שמות יט, יט): ״וַיְהִי קוֹל הַשּׁוֹפָר הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד״, דער קול פונעם שופר איז געווארן העכער און העכער, זאגט דארט רש״י: ״מִנְהַג הֶדְיוֹט כָּל זְמַן שֶׁהוּא מַאֲרִיךְ לִתְקֹעַ קוֹלוֹ מַחְלִישׁ וְכֵהֶה, אֲבָל כַּאן הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד״, געווענליך ווען איינער בלאזט ווערט דער קול שוואכער און שוואכער, אבער דא איז דער קול געווארן העכער און העכער; אזוי איז אויך ביים רבינ׳ס זאך, מען הערט און מען נעמט אן דעם רבינ׳ס ווערטער מער און מער.

עס איז געווען א גרויסער ערליכע איד, א ברסלב׳ער חסיד, ר׳ ישראל קארדונער זכרונו לברכה. ער פלעגט זאגן: ״איינמאל דער רבי האט געשריגן: ״אֵין שׁוּם יִאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל״, קיין יאוש איז נישט פארהאנען; קען דער ס״מ טאנצן פון דער ערד ביזן הימל, עס וועט אים גארנישט העלפן״.

דער רבי לערנט אונז אויס אז פון יעדן מצב קען מען טרעפן א וועג ארויס; **דער עיקר דארף מען פארגעסן וואס איז געווען.** אויב מען וויל בויען א שטוב צוזאמען טאר מען נישט דערמאנען איינער דעם אנדערן אלטע מעשים, ווייל דאס איז א לאו אין די תורה. דער פסוק זאגט (ויקרא כה, יז): ״לֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ״, זאגן אויף דעם חכמינו זכרונם לברכה (בבא מציעא נח:): אִם הָיָה בַּעַל תְּשׁוּבָה לֹא יֹאמַר לוֹ: ״זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים״, מען טאר נישט זאגן פאר א בעל תשובה: ״געדענקסט ווען דו האסט געפרעסן נבילות און טריפות״.

א איד איז אמאל געקומען צום רבי׳ן וויינען אז דער גלח פון שטאט האט פארכאפט זיין טאכטער, דער רבי האט אים געגעבן א גוטע עצה ווי אזוי ער זאל איר ארויס כאפן פון דארט. נאכדעם וואס זי איז געראטעוועט געווארן פון דארט האט איר דער רבי גלייך א כלה געמאכט מיט א פשוט׳ער בחור א שוסטער און דער רבי האט געזאגט פאר דעם חתן בזה הלשון: ״איך בעט דיר זייער שטארק דו זאלסט קיינמאל נישט דערמאנען פאר דיין ווייב די מעשה וואס זי האט געהאט מיטן גלח און **איך זאג דיר צו אז אויב דו וועסט איר קיינמאל נישט טשעפען מיט די אלטע מעשה ווערסטו האבן קינדער צדיקים**״; וכך הוה, דער איד האט זוכה געווען צו קינדער צדיקים און גרויסע רבנים.

ובכן, אויב איר וועט נישט טשעפען אייער מאן מיט די מעשה וכו׳ און איר וועט מתפלל זיין אז איר זאלט פארגעסן וואס איז געווען וכו׳, וועט איר זוכה זיין צו קינדער גרויסע צדיקים. ווייל וויסן זאלט איר אז יעדע דיבור פון רבי׳ן גייט אן לדורי דורות, און דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן עב): ״עַל יְדֵי רְדִיפַת שָׁלוֹם מַצִּיל אֶת בָּנָיו מִמִּיתָה וּמִגָּלוּת״, אז מען לויפט נאך שלום, מען זוכט עס זאל זיין שלום - וועלן די קינדער געראטעוועט ווערן פון טויט און פון גלות; ווען קינדער זעהן ווי די עלטערן לעבן בשלום וועלן זיי קיינמאל נישט איבער לאזן די שטוב און זיי וועלן אויך אויפשטעלן א שיינע שטוב.

מיר נעמען אן צו בעביסיטן אייער קינד
רופט משפחת טייטעלבוים אויף
845-376-0380

פאר אלע אייערע קאמפיוטער געברויכן
אויף א כשר׳ע אופן דא אין שטעטל
רופט אונז אן אויף
347-738-1041
~~~~~~~~~~~